# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

פרשת בהר בחוקותי, כ״ב אייר תש״פ לפ״ק
שנה א׳ גליון ל״ב


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................7:54
מוצאי שבת..........................9:26

## א מעשה פון תפלה

### שבתי מזרחי

איך האב זייער וויכטיג געדארפט האבן קאנקריט פאר איינע פון די נייע הייזער אין שטעטל אבער קיין איין קאמפאני האט מיר נישט געוואלט געבן יעצט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא האבן איינער וואס איז מיר גרייט צו געבן, צען מינוט שפעטער האב איך באקומען א טעלפאון קאלל פון איין קאמפאני וואס זיי קאלן מיר נישט געווענליך - אז ער קען מיר געבן קאנקריט. שכח אייבערשטער!

### שלמה יאקאבאוויטש

יעדע וואך בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל קענען צושטעלן גענוג עסן פאר אלע משפחות דא אין שטעטל, אפאר וואכן האב איך געהאט פון איין פלאץ א באקס עסן פאר יעדע משפחה - אבער זיי האבן נישט געוואלט מער געבן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן איך האב געטראפן פון א צווייטן פלאץ בעסער און שענער פון די פריערדיגע פלאץ, אזוי אויך יעדע ערב שבת העלפט דער אייבערשטער אז עס קומט אן חלות און קעיק פאר די משפחות און פאר די קידוש און שלש סעודות אין בית המדרש.

## מודעה

מיט גרויס פרייד טוהן מיר מעלדן אז דער בית התבשיל האט זיך ברוך השם לעצטענס שיין אויסגעברייטערט אויף גאר א שיינע פארנעם.

אזוי ווי עס ציהט אריין אין גרויסע קאסטן וועט מען בעטן א קליינע אפצאל פאר די סחורה וואס מען גיבט ארויס.

אזוי אויך ווילן מיר בעטן ווער עס וויל האבן די זכות צו מנדב זיין א גרויסע פריזער פאר די בית התבשיל זאל זיך מעלדן צו שלמה יאקאבאוויטש נ״י

## נייעס אין שטעטל

### פסח שני אין שטעטל

א שיינע סעודה איז פארגעקומען אין שטעטל דאנערשטאג נאכט פסח שני מיט די השתתפות פון דעם ראש ישיבה שליט״א, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה און געזונגען ווארימע ניגונים, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן גאר שיינע דיבורי התחזקות פון דעם ראש ישיבה וועגן פסח שני, ווי אויך אז דעי וואך כ״א אייר האבן מיר די יום הולדת פון אונזער הייליגער רבי מוהרא״ש זי״ע אין דעם טאג פון ״חסד שביסוד״ וואס פאר דעם איז מוהרא״ש אראפגעקומען אויף דער וועלט – צו ווייזן די חסד פון דעם אייבערשטען פאר דעי אלע וואס זענען פגום במדת היסוד.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה געזאגט ״איך האב זייער ליב די פלאץ דא״ בפרט יעצט ווען עס קומט הייסע טעג איז ממש נישט מעגליך צו זיין אין שטאט, די גוים צולאזן זיך רח״ל – ווידעראום דא אין שטעטל איז א מחיה, מען קען זיין ערליך און נישט דארפן זעהן די שמוץ פון די גוים.

### ל״ג בעומר אין שטעטל

דינסטאג פארנאכטס איז פארגעקומען א שיינע סעודת ל״ג בעומר, מען האט זיך געוואשן צום סעודה און דערנאך געזינגען די ניגוני ל״ג בעומר, דערנאך האט מען אנגעצינדן דעם שיעור וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט א נאכט פאר דעם ביי די סעודת ל״ג בעומר אין היכל הקודש קרית יואל.

### באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט״א

דאנערשטאג פארטאגס האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט״א איז געקומען באזוכן די כולל בוקר אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו זעהן ווי אינגלייט כאפן אריין צו לערנען אינדערפרי פאר מען גייט צו די ארבעט, א טייל אינגעלייט לערנען הלכות טהרה און א טייל לערנען די אייגענע שיעורים.

נאכ׳ן דאווענען שחרית האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא, דערנאך האט ער געגעבן א שיעור התחזקות פאר די חשובע מלמדים זיי זאלן אנגיין מיט זייער הייליגע ארבעט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וָוען עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערְן זוּמְמֶער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אִין גַאס, בִּפְרָט פַאר דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין גַאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן.

פָארִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג זֶענֶען מִיר צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ נְסִיעָה אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה. מִיר זֶענֶען גֶעוֶועְן אִין יַבְנִיאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, דִינְסְטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוְונְט שַׁחְרִית אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יַבְנִיאֵל, (אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַארְשְׁפַארְט, מֶען דַאוְונְט דָארְט נָאר שַׁבָּת, אָבֶער מֶען הָאט דָאס גֶעעֶפְנְט פַאר אוּנְז). אוֹיף דִי מְחִיצָה פוּן דִי וַוייבֶּער שׁוּל, בַּיי דִי מֶענֶער זַייט אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער: "**מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל**"; מוֹהֲרַ"א"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי מְחִיצָה פוּן דִי וַוייבֶּער שׁוּל מִיט דִי כַּוָּונָה אַז אוֹיבּ וֶועט אֵיינֶער פְּרוּבִּירְן אַרַיין קוּקְן צְוִוישְׁן דִי לֶעכֶער פוּן דִי מְחִיצָה אִין וַוייבֶּער שׁוּל, זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא**; אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן".

אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט דִי וָואךְ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים פד.): "וְכַךְ הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זִיךְ פִירְן. "כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא וַהֲווּ חַבְרַיָּיא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ", וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, "וְחָמָא לְאִינְתּוּ שְׁפִּירָאן", אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פְרוֹיעֶן, "מָאִיךְ עֵינֵיהּ, וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָּיא אַל תִּפְנוּ", הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, ד): "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, גֵייט נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

**גֵיי יֶעצְט טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה;** דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִקְוֶה טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת וְכוּ׳ אוּן דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אוֹיס, זֵיי פַארְלִירְן דִי שַׁייְכוּת מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרָט אַז דוּ דַארְפְסְט דִי מִקְוֶה וְכוּ׳, דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; "**דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה**" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא).

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מָאנְטָאג נַאכְט, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין צְפַת זִיךְ טוֹבֵלְ'ן אִינֶעם מִקְוֶה הָאֲרִיזַ"ל. נָאכְ'ן זַיין אִין עֶרְפָארְט אוּן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן צְוִוישְׁן גוֹיִם - זֶענֶען מִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע גֶעפָארְן זִיךְ טוֹבֵלְ'ן, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶועלְכֶע לִיגְן דָארְט אִינֶעם בֵּית הַחַיִּים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר: "גֵיי אִין מִקְוֶה", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע צָרוֹת. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה טוֹבֵלְ'ט מֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

***

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. עֶס אִיז דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַסַאךְ גוּטְס, טִיף אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַסַאךְ גוּטְס.

מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דָאס גוּטְס אוּן דָאס רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

**אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת פוּן "הַכְנָסַת אוֹרְחִים"**, וִוי דוּ זָארְגְסְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל עֶפֶּעס נָאכְזָאגְן פוּנֶעם "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט פוּן דָארְט אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִינֶעם זְכוּת פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען נַחַת פוּן זֵיי. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", אָמֵן.


גענוצטע פורניטשער און אפליינסעס
פאר האלב פרייז
רופט מרדכי אהרן היילפרין נ"י
845-701-9160

דירות צו דינגען פאר שבתים
רופט אשר בער אינדארסקי נ"י
347-997-2348

שטעטל קיאסאק
רופט מאטי היימליך נ"י
347-738-1041